# Sacrificing one's self

## Parshas Vayikra

## פרשת ויקרא

BACK2 BASICS

# פרשת ויקרא

א. אין אָנהויב פרשת ויקרא (פ׳ הקרבנות) שטייט, אדם כי יקריב מכם קרבן להוי׳. אין פלוג איז ניט פאַרשטאַנדיק: אויב דער פירוש איז נאָר כפשוטו, אַז דער „מכם" גייט אויפן וואָרט „אדם", אַז אַ מענטש פון אייך וועט מקריב זיין, האָט ער געדאַרפט זאָגן אדם מכם כי יקריב, פאַרוואָס זאָגט ער אדם כי יקריב מכם?

איז דאָך באַוואוסט וואָס ס׳שטייט אויף דעם אין חסידות, אַז דערמיט קומט ער אויך דערקלערן דעם ענין פון קרבנות ברוחניות — אין עבודה בנפש האדם.

עס איז דאָך באַוואוסט דער דיוק רז״ל [1] אויפן פסוק ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. וואָס פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז אַלע עבודות וואָס זיינען געווען אין משכן ומקדש הגשמי, זיינען אויך דאָ אין רוחניות — אין דעם מקדש הרוחני וואָס איז פאַראַן אין יעדן אידן.

דאָס איז בנוגע אַלע עבודות. מכל שכן עבודת הקרבנות, וואָס אויך אין מקדש הגשמי גופא — וואָס כפשוטו איז דאָס געווען אַן עבודה גשמית און מען האָט מקריב געווען אַ בהמה גשמית — איז אין פנימיות דאָס אויך געווען אַן עבודה רוחנית.

דערפאַר האָט געדאַרפט זיין — בשעת הקרבת הקרבן — די באַטייליקונג פון די כהנים מיט זייער עבודה, און די לויים בשירם וזמרם, וואָס דאָס זיינען ענינים רוחניים. ווי עס שטייט אין זהר [2] דכהני בחשאי וברעותא דלבא — המשכה, ולויים בשירה וזמרה — העלאה מלמטה למעלה.

איז דאָך עבודת הקרבנות אויך אין מקדש געווען אַן עבודה רוחנית, און מכל שכן עבודת הקרבנות ווי עס איז ביי יעדן אידן.

די דערקלערונג פון פסוק לויטן טייטש פון אַלטן רבי׳ן [3]: „אדם כי יקריב", ווען אַ מענטש וויל נתקרב ווערן צו אלקות (וואָס דער ענין פון קרבן איז קירוב הכחות והחושים [4]), איז „מכם קרבן להוי׳", דאַרפט איר מקריב זיין פון אייך אַליין.

ב. אין דעם אַליין זיינען פאַראַן צוויי פרטים: א) „מכם", דער קרבן פון נפש האלקית. ב) „מן הבהמה", די בהמה וועלכע געפינט זיך אין דעם מענטשנס האַרץ, ד. ה. פון נפש הבהמית. וואָס אויף דעם רעכנט אויס דער פסוק ווייטער: „מן הבקר ומן הצאן" — די פרטי המדריגות פון נפש הבהמית, ווי עס ווערט דערקלערט אין חסידות [5].

און דער תכלית איז ניט אין דער עבודה פון נפש האלקית מצד עצמה, נאָר אין בירור נפש הבהמית דוקא.

1) זע אויבן עמוד 165.

2) חלק ג לט, א. זע אויך ביאורי הזהר ריש פרשת ויצא, לקוטי תורה ואתחנן ד״ה וידעת (השני) פרק ב. שם סוכות ד״ה ושאבתם (השני) פרק א.

3) ד״ה ושאבתם מים חג הסוכות תש״א (סה״מ קונט׳ ח״ב תנ, א־ב). קונטרס לימוד החסידות פרק יב. זע אויך לקוטי תורה ד״ה אדם כי יקריב.

4) ספר הבהיר סימן מו (קט). זע אויך זהר חלק ג ה, א. של״ה מסכת תענית (ריא, ב). זע אויך פרי עץ חיים שער התפלה פרק ה.

5) קונטרס התפלה פרק ח.

# CLASSICAL CONCEPTS

1. We know that the משכן which the Jews built in the מדבר also represents our personal עבודה. Through looking at the specific services that were performed in the משכן, we can learn exactly how we are supposed to serve Hashem. This applies to every single עבודה in the משכן, but stands out when it comes to applying the idea of קרבנות to our day to day lives. This is because קרבנות are a purely spiritual עבודה, whereas most of the other עבודות are more physical. So if in the משכן itself they stressed on the spirituality, then surely they have a very strong application to our spiritual עבודה.

# טייטש TRANSLATIONS

| וואָרט | טייטש |
|---|---|
| אנהויב | Beginning |
| אדם כ יקריב מכם קרבן להוי׳ | When a man from you brings a קרבן to Hashem |
| אין פלוג | Seemingly |
| פארשטאנדיק | Understood |
| אויב | If |
| אייך | You |
| געדארפט | Needed |
| באוואוסט | Known |
| דערמיט | With this |
| קומט ער אויך | He comes also |
| דערקלערן | Explain |
| פאראן | Are, exist |
| ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם | And you should make for Me a מקדש and I will dwell in them |
| וואס זיינען געווען | Which were |

| וואָרט | טייטש |
|---|---|
| דערפאר | Therefore |
| באטייליקונג | Participation |
| חשאי | Quietly |
| רעותא דלבא | Depth of the heart |
| יעדן | Every |
| דערקלערונג | Explanation |
| לויטן | According to |
| חושים | Talents |
| דארפט איר | You must |
| געפינט זיך | Is found |
| הארץ | Heart |
| ד. ה. (=דאס הייסט) | This means |
| רעכנט | Counts out |
| ווייטער | Further |
| מצד עצמה | By itself |
| נאר | Only |
| בירור | Purification |

2. When "sacrificing" one's self as a קרבן to Hashem, there are two aspects. מכם refers to your spirituality - נפש האלקית which means that all of your spiritual energy will be focused on serving Hashem. בהמה refers to all of your physicality, which means that even your regular physical activities are geared towards the service of Hashem.

3. Through also using out your physicality, you reach much higher levels than if you were just to use your נפש האלקית. We see this in the פסוק itself, when it talks about the קרבן of your נפש האלקית, (the word מכם) it says that it reaches the level of הוי׳. When it talks about sacrificing your נפש הבהמית (the word הבהמה) the פסוק says that it reaches לפני הוי׳. This means that it reaches above the level of הוי׳.



4. Even the קרבן of your נפש האלקית reaches above the level of אלוקים which

און אויך דאָס איז מרומז אין פסוק. ביי דעם וואָרט „מכם”, זאָגט ער קרבן להוי׳, און נאָך דעם ווי ער זאָגט מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן, פירט ער אויס לרצונו לפני הוי׳, פאַר הוי׳ [6]), העכער פון הוי׳, ווייל דער בירור פון נפש הבהמית דערלאַנגט העכער, אַזוי ווי עס שטייט [7]), ורב תבואות בכח שור.

דערפאַר דערלאַנגט דער קרבן פון „מכם” נאָר צום שם הוי׳. אמת טאַקע אַז אויך דער קרבן פון „מכם” איז ניט צו „אלקים”, בגימטריא הטבע (אלקות וואָס באַהאַלט זיך אין טבע), נאָר צו הוי׳ דוקא, ווי עס ווערט דערקלערט אין זהר [8]) אויפן פסוק זובח לאלקים יחרם, און דאָך קומט עס ניט צו דער עלי׳ דורך דעם בירור הגוף ונפש הבהמית, וואָס דורך דעם דוקא דערלאַנגט מען נאָך העכער, לפני הוי׳, למעלה מהשתלשלות לגמרי, ווי עס שטייט [9]), כד אתכפיא סטרא אחרא אסתלק יקרא דקודשא בריך הוא בכולהו עלמין, אור שבכל העולמות בשוה [10]).

**ג. אין סדר הקרבת הבהמה בגשמיות האָט מען די ערשטע זאַך געדאַרפט זען אַז די בהמה זאָל זיין אַ גאַנצע. מען האָט איר געדאַרפט בודק זיין זי זאָל ניט האָבן קיין מום, און ערשט דאַן „ירצה לקרבן”.**

דאָס זעלבע איז ביי קרבנות ברוחניות. ביי עבודת הקרבת בהמה הרוחנית, איז אײדער מען גייט צו מקריב זיין דעם נפש הבהמית להוי׳, דאַרף מען צום ערשטן זען אַז די בהמה — דער נפש הבהמית, זאָל זיין בשלימות און ניט האָבן קיין מום [11]).

דערפאַר איז בתחלת העבודה — בדיקה, בודק זיין בכל פינות נפשו, אין מוחין, אין מדות ובפרט אין די דריי לבושים מחשבה דבור ומעשה, צו וויסן די ענינים וועלכע טויגן ניט, און מתקן זיין זיי.

בכדי אַז די בדיקה זאָל זיין אדעתא דנפשי׳, ניט בדרך מצות אנשים מלומדה, דאַרף ער וויסן אַז דאָס איז אים נוגע בחיי נפשו ממש. דאַן וועט די בדיקה זיין ווי עס דאַרף זיין, און אויך די תיקונים וועלכע פאָדערן זיך, וועט ער דורכפירן בפועל, וואָרום ער ווייס דאָך אַז דאָס איז אים נוגע בחיי נפשו.

ד. ווען ער וועט זיך עוסק זיין אין עבודת הבדיקה און זיך פאַרטראַכטן **אין זיין מעמד ומצב אדעתא דנפשי׳, וועט ער זיך אָפּט מאָל כאַפּן, אַז אויב אַפילו איצטער איז ער ניט קיין בעל עבירה, איז דאָך אָבער „וחטאתי נגדי תמיד”, אַז די חטאים וואָס ער האָט געטאָן במשך ימי חלדו (פון זיין פריסטער יוגנט**

6) לקוטי תורה ד״ה לבאר כו׳ אדם כי יקריב.

7) משלי יד, ד.

8) חלק ג ה, א. — ועל פי זה יומתק דיוק לשון רז״ל (מנחות קי, א): לבעל הדין לחלוק. — ומש״כ (מנחות שם) גם שם א־ל, יעויין זהר חלק ג לא, א. קלב, א.

9) זע תניא פרק כז. לקוטי תורה ריש פרשת פקודי, שם פרשת חוקת ד״ה על כן יאמרו פרק ב.

10) זע ד״ה באתי לגני תש״י פרק א. באתי לגני תשי״א (סה״מ באתי לגני ח״א ע׳ לד. סה״מ מלוקט ח״א ע׳ ח).

11) ביאור הענין מובן על פי מה שנתבאר בתו״א מקץ (לו, ג). הוספות לתו״א (יא, ד). ועוד.

# CLASSICAL CONCEPTS

is the way Hashem "lowered" himself to a level through which he can create the world. הוי' represents the way Hashem is above the world, but when you say that a certain level is "above" something, that itself shows that they have some sort of connection to each other. The קרבן of the נפש הבהמית on the other hand reaches a level of לפני הוי' which means it reaches a level which is so high, that it has absolutely no connection at all to the world.

5. Since the level of Hashem we reach with this קרבן is so high that it has absolutely no connection to this world, therefore, the difference between one world to the next, doesn't have any place. It's like the difference between infinity to 1 and infinity to 20, from infinity's perspective they are all the same. So the אור that is drawn down from this קרבן comes down into all of the worlds equally.



6. Just like by a קרבן, the first step was to make sure that the animal was complete without any blemishes, the same applies to us. If we want to bring ourselves closer to Hashem, the first step is to search ourselves to assure that we don't

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| Three garments | דריי לבושים | Word | ווארט |
| To know | צו וויסן | Concludes | פירט ער אויס |
| Which | וועלכע | Reaches | דערלאנגט |
| Is good | טויג | Many crops through the power of the ox | ורב תבואות בכח שור |
| According to his level | אדעתא דנפשי | Conceals itself | באהאלט זיך |
| Doing Mitzvos as part of a routine | מצות אנשים מלומדה | Will be clarified | ווערט דערקלערט |
| Relevant to his life | נוגע בחיי נפשו | It doesn't come | קומט עס ניט |
| Then | דאן | When סטרא אחרא is suppressed | כד אתכפיא סטרא אחרא |
| Demands | פאדערן זיך | The glory of the Almighty is elevated over all the worlds | אסתלק יקרא דקוב"ה בכולהו עלמין |
| Accomplish | דורכפירן | Is cut off | יחרם |
| Because | ווארום | First thing | ערשטע זאך |
| He busies himself | ער ווערט זיך עוסק | See to it | זען |
| Thinks | פארטראכטען | Complete | גאנצע |
| Situation | מעמד ומצב | Check | בודק זיין |
| Many times | אפּט מאל | Wanted for a קרבן | "ירצה לקרבן" |
| Now | איצטער | Before | איידער |
| And my sin is before me constantly | "וחטאתי נגדי תמיד" | We go | מען גייט |
| Did | געטאן | In every corner of his soul | בכל פינות נפשו |
| His young years | ימי חלדו | | |
| Very young age | פריסטיר יונג | | |

אָן), אויך די וואָס ער האָט געטאָן פאַר בר מצוה [12]), זיינען דאָך פאַר־בליבן, וואָרום ער האָט זיי נאָך ניט אין גאַנצן מתקן געווען.

א ראי׳ אַז ער האָט נאָך די חטאים ניט מתקן געווען און ער האָט נאָך ניט געטאָן קיין תשובה ווי עס דאַרף זיין: אויב זיין תשובה וואָלט געווען ווי מען דאַרף, וואָלט זיין עבודה געווען שטאַרקער, ווייל דאָס וואָס ער איז געווען פריער בארץ צי׳ וצלמות, האָט געדאַרפט ביי אים דערוועקן אַ גרויסע תשוקה און אַן אהבה צו אלקות, אַן אהבה וואָס זדונות נעשו לו כזכיות [13]), און ער זעט אַז ביי אים איז ניט אַזוי;

אדרבה, ווען ער באַטראַכט זיך אין זיין מצב ווי ער איז באמת, ניט וועלן מאַכן זיך גרינג און ניט וועלן אָפּנאַרן זיך, פילט ער ביי זיך אַז ער שטייט אין אַ פאַרקערטן ציור, ניט נאָר אַז עס איז ניט „נעשו כזכיות" — נאָר עס איז געבליבן אַן עבירה, וואָס דערפאַר ציט אים צו אַן עבירה — עבירה גוררת עבי־רה [14]), זעט ער דאָך אַז ער האָט נאָך קיין תשובה ווי עס דאַרף צו זיין ניט געטאָן.

**דאָס הייסט, אַז דער „וחטאתי נגדי תמיד" איז ביי אים ניט דערפאַר ווייל מצד זיין איצטיקן מעמד ומצב איז ניט גענוג די פריערדיקע תשובה און ער דאַרף האָבן אַ העכערע תשובה [15]), נאָר ער האָט לכתחילה ניט מתקן געווען זיינע ענינים, און זיי זיינען אַ מסך מבדיל בינו לבין אביו שבשמים [16]), מפסיק און מונע פון עבודת הוי׳.**

איז בשעת ער איז זיך מתבונן אין דעם אַלעם און ווייסט אויך די גרויסקייט פון דעם ענין פון קרבנות, אַז קרבנות איז קירוב הכחות וה־חושים, ביז עס ווערט נכלל באש של מעלה, און רזא דקורבנא עולה עד רזא דאין סוף [17]), פרעגט ער ביי זיך: וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער צו קרבנות, און ווי אַזוי איז ירצה לקרבן להוי׳, אַז ער איז „אין בו מתום"?!

צו פאַרענטפערן די קשיא, איז מוסיף כ"ק מו"ח אדמו"ר [18]) אויפן פירוש פון אַלטן רבי׳ן אין דעם וואָרט „מכם" — מכם ובכם הדבר תלוי, דאָס איז אָפּהענגיק פון אייך אַליין, ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב און אויף דעם וואָס ער איז אַדורך ביז איצט, פונדעסטוועגן איז בכם הדבר תלוי, ביז אַז יע־דער איד קען זאָגן [19]), מתי יגיעו מעשיי למעשי אבותי אברהם יצחק ויעקב.

ה. דער סדר אין הקרבת הקרבן בגשמיות איז, אַז נאָכדעם ווי מען געפינט אויס אַז די בהמה איז אַ תמימה אָן אַ מום, דאַרף מען זי

12) פוקח עורים פרק כא־כב. זע אויך שלחן ערוך אורח חיים סוף סימן שמ"ג. סנהדרין נה, ב.
13) זע תניא פרק ז.
14) אבות פרק ד, משנה ב.
15) זע תניא פרק כט. אגרת התשובה סוף פרק יא.
16) זע תניא פרק יז.
17) זע זהר חלק ב רלט, א. זהר חלק ג כו, ב.
18) ד"ה באתי לגני תש"י פרק ב.
19) תנא דבי אלי׳ רבה פרק כה.

# CLASSICAL CONCEPTS

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| His current situation | איצטיקין מעמד מצב | Remained | פארבליבן |
| A wall of seperation | מסך מבדיל | Fix | מתקן געווען |
| Interrupts and holds back | מפסיק ומונע | As it ought to be | ווי עס דארף זיין |
| All of this | אלעם | Stronger | שטארקער |
| Greatness | גרויסקייט | Before | פריער |
| Secret/mystery/highest level | רזא | Land of thirst and death | ארץ צי' וצלמות |
| What connection is there | וואס פאר א שייכות | His faults become for him like merits | זדונות נעשה לו כזכיות |
| | אין בו מתום | On the contrary | אדרבה |
| Answered | פארענטפערן | Contemplates | באטראכט זיך |
| The Frierdiker Rebbe | כ"ק מו"ח אדמו"ר | Awaken | דערוועקן |
| The sacrifice | קורבנא | Easy | גרינג |
| Dependant | אפהענגיק | Fool one's self | אפנארן זיך |
| Looking at | קוקנדיק | Opposite | פארקערט |
| Nevertheless | פונדעסטוועגן | Not only | ניט נאר |
| Afterwards | נאכדעם | Remained | געבליבן |
| Find out | געפינט אויס | One sin leads to another | עבירה גוררת עבירה |
| | | He sees | זעט ער דאך |

have anything that would be considered a blemish. The first step is to fix up the problems that we have and make sure we are complete. The only way to really check ourselves properly is to realize that this is what we were created for and this is the reason why we are alive.

7. Even if a person feels that he no longer has a certain deficiency that he used to have, he still may not have corrected it properly. If one senses that something wrong that he has done in the past is still having negative effects on him, this is a clear proof that he never did proper תשובה. Proper תשובה not only gets rid of the negative effects of your actions, it actually turns them around into זכיות which assist you in your future עבודה.

8. After one is certain that he has no "blemishes" the next step is the שחיטה. The process of שחיטה is that all the חיות is taken out of the animal, but the physical body remains complete. What this means in our עבודה is that we continue doing all of our physical necessities, but we take out the חיות that we have in them. Meaning we no longer eat, sleep etc. because we enjoy it or take pleasure in it, rather, the sole purpose is so that we will be able to serve Hashem properly.



שחט׳ן. אויך נאָך דער שחיטה בלייבט איבער דער קערפּער פון דער בהמה גאַנץ, מען נעמט נאָר אַרויס איר חיות. דאַן איז מען איר מקריב אויפן מזבח, וואו עס ווערט פאַרברענט אויך איר גשמיות׳דיקער קערפּער, — ביי אַלע קרבנות דעם חלב, און ביי קרבן עולה, התחלת הקרבנות, די גאַנצע בהמה, כליל למזבח — אין דעם ג־טלעכן פייער וואָס פלעגט אראָפּ־קומען מלמעלה.

אַזוי אויך אין רוחניות. נאָך דעם וואָס מען איז מתקן די מומים, דאַרף זיין שחיטה, שחט׳ן דעם גוף און נפש הבהמית, ד. ה. אַרויסנעמען דעם קאָך און חיות פון ענינים גשמיים. די דברים גשמיים אַליין בלייבן גאַנץ, אָבער זיי זיינען אָן אַ קאָך, ער באַנוצט זיך מיט זיי נאָר בכדי ער זאָל האָבן אַ תוספת כוח אין עבודת הוי׳, כמאמר[20] חמרא וריחא פקחין, דלא[21] אכלי בישרא דתורא לא ו׳קדקתי טעמו של דבר, וואָס דאָס איז דאָך דער ציווי בכל דרכיך דעהו[22], אַז אַלע ענינים זאָלן זיין לשם שמים. אָדער נאָך טיפער, ניט נאָר אויסנוצן די דברים הגשמיים צוליב קדושה נאָר מאַכן פון זיי אַליין מצוה וקדושה, — ווי אכילת שבת ויום טוב, אָדער ווי ציצית מצמר גשמי און תפילין מקלף גשמי.

און דאַן קען זיין די הקרבה, אַז דער גוף און נפש הבהמית זאָלן נכלל ווערן אין ג־טלעכן פייער וואָס אין דער נשמה, אַזוי ווי עס שטייט, רשפי׳ רשפי אש שלהבת י־ה, ואמרו רז״ל, כאש של מעלה[23], דאָס איז די אהבה פון דער נשמה צום אויבערשטן — און אין איר ווערן נכלל דער גוף ונפש הבהמית, אַז אויך דער נפש הבהמית באַקומט אַן אהבה צו דעם אויבערשטן, אַזוי ווי עס שטייט ואהבת את הוי׳ אלקיך בכל לבבך ואמרו רז״ל[24] בשני יצריך.

(פון מאמר ד״ה באתי לגני, תשי״ב)

## פ׳ זכור

ו. מלחמת עמלק מיט אידן, גע־פינען מיר, בכלל, אין פיר זמנים: א) באַלד ווי די אידן זיינען אַרויס פון מצרים. ב) אין די לעצטע יאָרן וואָס די אידן זיינען געווען אין מדבר, איידער זיי זיינען אַריין אין ארץ ישראל (נאָר דאַן האָט זיך עמלק פאַרשטעלט פאַר אַ כנעני[25]). ג) אין די ערשטע יאָרן פון זייער זיין אין ארץ ישראל, נאָך דעם מינוי פון שאול המלך און פאַרן בנין בית המקדש (וואָס אַזוי איז דער סדר אין די ג׳ דברים שנצטוו בכניסתם לארץ: מינוי מלך, מלחמת עמלק ובנין בית המקדש). ד) בדרא דמלכא משיחא.

דברי ימי ישראל, זינט אידן זיי־

20) יומא עו, ב. על פי הגירסא שהובאה בתניא פרק ז ובכמה מקומות בדא״ח.

21) בבא קמא עב, א.

22) זע רמב״ם הלכות דיעות פרק ג. טור ושולחן ערוך אורח חיים סימן רל״א.

23) שיר השירים ח, ו. ילקוט שם. ביאור שייכות אהבת נפש האלקית לאש של מעלה ראה ד״ה באתי לגני תשי״ב פרק ג (סה״מ באתי לגני ח״א ע׳ מ. סה״מ מלוקט ח״א ע׳ כב־כג).

24) ברכות נד, א.

25) במדבר רבה יט, כ. תנחומא פרשת חוקת הובא בתוספות ראש השנה ג, א ד״ה וישמע הכנעני.

# CLASSICAL CONCEPTS

9. The final stage of a קרבן is the הקרבה, actually burning the animal. This means in our עבודה the inclusion of our נפש הבהמית in our deep love to Hashem, which is compared to a fire. That your love for Hashem shouldn't remain a spiritual feeling deep down in your heart, but rather part of your physical reality. Your "animal" is "burnt up" in the "heavenly fire" (your love to Hashem).

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| Wine | חמרא | Remains | בלייבט |
| Good smell | ריחא | Over | איבער |
| Makes one smart | פיקחין | Body | קערפער |
| Meat of an ox | בישרא דתורא | Entire | גאנץ |
| I was precise in the reason of the matter | דקדקתי טעמו של דבר | Takes | נעמט |
| In all your ways you should know Him (ה׳) | בכל דרכיך דעהו | Burns | פארברענט |
| Deeper | נאך טיפער | Also | אויך |
| Utilize | אויסנוצן | Entirely given to the מזבח | כליל למזבח |
| For the sake of | צוליב | Fire | פייער |
| It's flashes are flashes of fire, the flame of ה׳ | רשפי׳ רשפי אש שלהבת י-ה | Come down | אראפקומען |
| Will be included | ווערן נכלל | Afterwards | נאך |
| Receive | באקומט | Fix | מתקן |
| | | Remove | ארויסנעמען |
| | | Without | אן |
| | | Uses | באנוצט |
| | | Additional strength | תוספות כוח |

# R KNOWLEDGE!

5. **WHAT** is the first step of bringing a קרבן? What does this mean in our עבודה?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

6. **WHAT** might discourage someone from coming closer to Hashem?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

7. **HOW** does the Frierdiker Rebbe answer this question?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

8. **WHAT** does it mean to שחט the בהמה in our personal עבודה?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

# SHOW OFF YOU

1. **WHAT** is the issue with the words “אדם כי יקריב מכם”?

2. **HOW** does the Alter Rebbe refer to this question?

3. **WHAT** does מכם refer to? **WHAT** does בהמה refer to?

4. **HOW** do we see in the פסוק that the עבודה that is done with the נפש הבהמית is higher than that of the נפש האלקית?



BACK 2 BASICS

Seeing the Parsha the way the Rebbe does

© B2B SICHOS COVER: LEIBEL KRINSKY [illegible] & CONCEPTS: DOVID RACHMANI LAYOUT: MENACHEM ARON

TO SPONSOR, OR TO RECEIVE THIS BOOKLET WEEKLY VIA EMAIL, CONTACT B2BSICHOS@GMAIL.COM